**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/20/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 25 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין קינגסטאן**

***׳לענדמארק פלעיס׳ שאפט 66 צוגענגליכע דירות פאר עלטערע לייט מיט אויפ׳ן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס פאר געוועזענע היימלאזע הויזגעזינדער***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן די גרענד אָפּענינג פון ׳לענדמארק פלעיס׳, א 25 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האָוזינג קאמפוס אין דער שטאט קינגסטאן אין אולסטער קאונטי. דער דעוועלאפמענט פיגורירט 66 נייע צוגענגליכע דירות פאר סיניאָר 55 יאר און העכער, אריינגערעכנט 35 שטובער באשטימט פאר סיניאָרס וואס נייטיגן זיך אין שטיצע סערוויסעס צו וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט.

״ניו יארק׳ס סיניאָרס קומט זיך צוטריט צו זיכערע, צוגענגליכע, און שטיצנדע האָוזינג אין די געגנטער וואס זיי רופן זייער היים,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן די שטייגנדע קאסטן פון האָוזינג מיט אנטשיינדע שריטן און נאך הילפס-מיטלען, איבערהויפט פאר אונזער מערסט עמפינדליכע ניו יארקער. דעוועלאפמענטס ווי ׳לענדמארק פלעיס׳ פארזארגן צוגענגליכע שטובער, שטיצן די וואוילזיין פון איינוואוינער, און מאכט שטערקער אונזערע קאמיוניטיס פאר׳ן צוקונפט.״

דאס פארענדיגן ׳לענדמארק פלעיס׳ דערגאנצעט גאווערנער האוקול׳ס פלאן צו מאכן האָוזינג לענגאויס ניו יארק סטעיט מער צוגענגליך, יושר׳דיג און סטאביל. אין דעם פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט, האט די גאווערנער פארגעשלאגן און ערפאלגרייך געשאפן, א נייעם 25 ביליאן דאלערדיגן, פינף-יעריגן אלץ-ארומנעמענדן האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג פארזארגונג דורך שאפן אדער היטן 100,000 צוגענגליכע וואוין-ערטער לענגאויס ניו יארק אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער עמפינדליכע איינוואוינער, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 דירות.

׳לענדמארק פלעיס׳ רעכנט אריין די טראנספארמאציע פון א היסטארישער געביידע אויף 34 סטודיא אפארטמענטס, וואס רופט זיך איצט ׳לענדמארק וועסט׳, און די נייע קאנסטרוקציע פון א פיר-שטאקיגע געביידע מיט 32 איינציג-שלאפצימערדיגע דירות באקאנט אלס ׳לענדמארק איסט׳.

דער 14-עיקערדיגע ארט וואס געפונט זיך ביי 300 פלעטבוש עוועניו אין קינגסטאן איז געווען דער לאנגיעריגער היים פון דעם היסטארישן ׳קינגסטאן אלמסהאוס׳. נאכ׳ן געפארטיגט ווערן אין 1874, האט דער ׳קינגסטאן אלמסהאוס׳ פארזארגט האָוזינג און באגרעניצטע מעדיצינישע באהאנדלונג צו אירע איינוואוינער ביז זי איז פארשלאסן געווארן אין די 1940׳ער יארן. באלד א יאר-צענדליג דערנאך, האט אולסטער קאונטי אפגעקויפט די ליידיגע געביידע און עס רעהאביליטירט אויף צו דינען אלס דער

אולסטער קאונטי כראנישע קראנקהויז, און שפעטער די אפיסעס פון דעם אולסטער קאונטי העלט דעפארטמענט. די געביידע איז שוין געשטאנען ליידיג זינט 2014.

אלע 66 דירות זענען צוגענגליך פאר עלטערע הויזגעזינדער מיט איינקונפט ביז 60 פראצענט פון די דורכשניטליכע איינקונפטן אין דעם געגנט. פינף און דרייסיג דירות זענען אוועקגעלייגט פאר איינוואוינער וואס נייטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס, אריינגערעכנט דיסעיבעלד׳טע וועטעראנען. די איינוואוינער האבן צוטריט צו רענט סובסידיעס און א ריי אויפ׳ן-ארטיגע סערוויסעס פינאנצירט דורך דעם ׳עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו׳ און אדמיניסטרירט דורכ׳ן NYS אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַבּיליטי הילף.

סערוויסעס רעכענען אריין זעלבסט-שתדלנות שטיצע, מעדיצינען פארוואלטונג און טרענירונג דורך אן אויפ׳ן-ארטיגע גע׳לייסענס׳טע פראקטישע נורס, טעגליכע לעבנס געניטשאפט טרענירונג, געניטשאפט אנטוויקלונג שטיצע, און סאציעליזאציע אקטיוויטעטן.

׳לענדמארק פלעיס׳ איז געבויט געווארן דורך RUPCO, וואס האט אויך געדינט אלס דער פּראָפּערטי פארוואלטער און דער סערוויס פראוויידער.

איינוואוינער באקוועמליכקייטן רעכענען אריין 24/7 פארנט אריינגאנג שטאב, אויפ׳ן-ארטיגע לאָנדרי, אויפ׳ן-ארטיגע סופעראינטענדענט, גארטן פלאץ, נאענטקייט צו מאסן טראנספארטאציע וועגן, און אין-הויז טראנספארטאציע מיט דרייוועגס ארויסצוהעלפן טראנספארטירן איינוואוינער צו גרויסע ארטיגע סערוויס פונקטן פאר מעדיצינישע און בענעפיט סערוויסעס.

סטעיט פינאנצירונג פאר ׳לענדמארק פלעיס׳ האט אריינגערעכנט 2.4 מיליאן דאלער אין קביעות׳דיגע שטייער-גע׳פטר׳טע באָנדס, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האָוזינג שטייער קרעדיטס וואס האבן אויפגעטריבן 8.5 מיליאן דאלער אין באזיצערשאפט, און 9.5 מיליאן דאלער אין סובסידיע פון ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי רינויעל׳. דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג האט באשטעטיגט פעדעראלע און סטעיט היסטארישע שטייער קרעדיטס וועלכע האבן אויפגעטריבן 1.5 מיליאן דאלער אין באזיצערשאפט. דער ניו יארק סטעיט פעדעראלע היים הלוואה באנק האט געשאנקען א 1.3 מיליאן דאלערדיגע גרענט און TD באנק האט צוגעשטעלט א 125,000 דאלערדיגער גרענט.  נאך פינאנצירונג צוזאמארבעטער האבן אריינגערעכנט דעם נאציאנאלן עקוויטי פאנד.

**׳האָומס ענד קאָמיוניטי רינױעל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״מיר זענען באגייסטערט צו האבן געקענט צוזאמארבעטן מיט RUPCO און אונזערע מיט-אגענטורן אינעם סטעיט אויף אריינצובלאזן נייע חיות אין די היסטארישע ׳קינגסטאן אלמסהאוס׳ אויף אן אופן וואס פארעהרט די געביידע׳ס לאנגע געשיכטע פון פובליק סערוויס. מיט 66 צוגענגליכע וואוינונגען פאר סיניאָרס און וועטעראנען, אריינגערעכנט 35 מיט שטיצנדע סערוויסעס, וועט דער נייער דעוועלאפמענט צושטעלן א מקום מנוחה פאר ניו יארקער זיך צו עלטערן אין פלאץ מיט זעלבסט-עהרע אין א באקוועמע און צוציענדע לעבנס סביבה. אונטער גאווערנער האוקול׳ס נייע פינף-יעריגן האָוזינג פלאן, פארשפרעכן מיר מער הילפס-מיטלען ווי סיי ווען פריער אויף צו פארברייטערן און באשיצן צוגענגליכע האָוזינג געלעגנהייטן פאר עלטערע איינוואוינער אין דעם מיטל-הודסאן ראיאן און ווייטער ארום.״

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״שטיצנדע האָוזינג איז פונדאמענטאל צו אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן היימלאזיגקייט לענגאויס דעם סטעיט, און א צענטראלער שטאנדטייל פון צושטעלן צוגענגליכע, קביעות׳דיגע האָוזינג פאר געוועזענע היימלאזע יחידים און פאמיליעס. די קאמבינאציע פון צוגענגליכע האָוזינג און פארשידענע

ערליי שטיצע סערוויסעס צו באקומען אויפ׳ן ארט ביי ׳לענדמארק פלעיס׳ וועט ערמעגליכן פאר אולסטער קאונטי עלטערע לייט צו וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט און צו בליען.״

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערנדע אמטירנדע דירעקטאר גרעג אלסען האט געזאגט,** ״די היינטיגע גרענד אָפּענינג צייגט ווייטער גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו עלטער-פריינטליכע פרינציפן וועלכע קומען נאך אויף א דערגאנצעטן אופן די האָוזינג, סאציעלע און קאמיוניטי שטיצע געברויכן פון עלטערע מענטשן לענגאויס ניו יארק סטעיט. אזעלכע מוסטערן העלפן אדרעסירן האָוזינג צוגענגליכקייט און גלייכצייטיג אנבאטן די רעסאָרסן נייטיג צו העלפן יחידים בלייבן אין זייערע היימען אזוי ווי זיי עלטערן זיך.״

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג קאמישענער עריק קולעסייד האט געזאגט,** ״׳לענדמארק פלעיס׳ איז גאר א גוטע ביישפיל פון אנערקענען ווערד אין ציווילע רעסאָרסן און ארבעטן געמיינזאם צו האבן א טראנספארמירנדע השפעה אין א קאמיוניטי. דורך אויסניצן פעדעראלע און סטעיט היסטארישע שטייער קרעדיטס אלס טייל פון זייער פראיעקט און רעהאביליטירן א פריער ליידיגע געביידע אין שטאט קינגסטאן, צייגט RUPCO איר אנטשלאסנקייט צו הויכע קוואליטעט האָוזינג געלעגנהייטן פאר מענטשן ביי יעדע מאס איינקונפט שטאפל און פארזארגט א מוסטער צו נעמען אין באטראכט פאר צוקונפטיגע פראיעקטן. עס פריידט אונז צו קענען האבן א חלק אין אזעלכע באמיאונגען.״

**סענאטאר טשאָק שומער האט געזאגט,** ״פאר יעדע קינגסטאן איינוואוינער קומט זיך צוטריט צו זיכערע, צוגענגליכע האָוזינג, און איך בין שטאלץ אז דער פעדעראלער נידעריגע-איינקונפט האָוזינג שטייער קרעדיט, וואס איך האב שטארק געקעמפט צו פארברייטערן, האט צוגעשטעלט די מיליאנען נייטיג אויף צו בויען די צענדליגע נייע צוגענגליכע דירות פאר אונזערע עלטערע איינוואוינער. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול און RUPCO אויפ׳ן פארטיגן ׳לענדמארק פלעיס׳, און איך וועל ווייטער קעמפן צו באקומען יעדן דאלער פון פעדעראלע שטיצע נייטיג צו העלפן לייגן די פונדאמענט פאר א ליכטיגערן און מער יושר׳דיגן צוקונפט אין דער הודסאן וואלי.״

**סטעיט סענאטארקע מישעל הינטשי האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר ארבעטן צו לאנג-טערמיניגע לייזונגס-מיטלען צו אדרעסירן די האָוזינג קריזיס אין אולסטער קאונטי, איז העכסט נייטיג אז מיר זאלן שאפן סטאבילע האָוזינג פאר אונזערע קאמיוניטי מיטגלידער וועלכע נייטיגן זיך דערין דאס מערסטע און גלייכצייטיג ליפערן שטיצנדע סערוויסעס צו אדרעסירן די אונטערליגענדע ארויספאדערונגען וועלכע טוען אפטמאל אויסציען אויף ווייטער האָוזינג אומסטאביליטעט. ׳לענדמארק פלעיס׳ איז געאייגנט אויף צו טון גענוי דאס, זיכער מאכן אז מיר האלטן אונזערע שכנים זיכערערהייט איינגעווארצלט אין זייער קאמיוניטי מיט די הילף פון אונזערע צוזאמארבעטער ביי RUPCO. איך בין שטאלץ געווען צו שטיצן דעם פראיעקט דורך אונזער יערליכע סטעיט בודזשעט און איך וועל ווייטער קעמפן פאר די סטעיט אינוועסטירונגען אין וועלכע מיר נייטיגן זיך אויף אריינצובערענגען מער קביעות׳דיגע האָוזינג אין אונזערע קאמיוניטיס.״

**אמטירנדע אולסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשאוהענע קאנטערעראס האט געזאגט,** ״זינט די שפעטע 1800׳ער יארן, איז דער פלאץ פון ׳לענדמארק פלעיס׳ געווען אן ארט פון אויפפאסונג פאר דער קאמיוניטי. מיר דאנקען גאווערנער האוקול, ניו יארק סטעיט, דער נאציאנאלער עקוויטי פאָנד און RUPCO פאר צושטעלן הילפס-מיטלען פאר אונזער קאמיוניטי זיך פארצושטעלן פונדאסנייי עם ארט. די נייע דירות, מיט זייערע אויסריכטונגען, וועלן האבן א פאזיטיווע השפעה אויף עמפינדליכע עלטערע לייט פאר צענדליגע יארן אינ׳ם צוקונפט.״

**קינגסטאן מעיאר סטיוו נאבעל האט געזאגט,** ״איך בין באגייסטערט צו זען דעם גרענד אָפּענינג פון ׳לענדמארק פלעיס׳ היינט. פאראויס-דענקנדע פראיעקטן ווי ׳לענדמארק פלעיס׳ העלפן אזויפיל אין א

קאמיוניטי און מיר זענען דאנקבאר אז דער דעוועלאפמענט האט זיך געעפנט אירע טירן אין א צייט ווען עס איז די מערסטע נייטיג. די צוגעפאסטע איבערבאניץ פון אן ארכיטעקטורעלע בריליאנט שטיין, שטיצנדע האָוזינג פאר עלטערע מענטשן און וועטעראנען, און נאך צוגענגליכע רענט דירות אויף אונזערע קריטיש-נידעריגע האָוזינג סטאָק — דער פראיעקט שטיצט אזויפיל פון אונזערע מיטגעטיילטע צילן אין דער שטאט קינגסטאן. מיר דאנקען גאווערנער האוקול, דער ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ און אונזערע צוזאמארבעטער ביי RUPCO פאר זייערע אנגייענדע באמיאונגען אונז צו העלפן פארזארגן זיכערע האָוזינג פאר יעדן אין אונזער קאמיוניטי.״

**קעווין או׳קאנאר, הויפט עקזעקיוטיוו באאמטער פון RUPCO, האט געזאגט,** ״׳לענדמארק פלעיס׳ פאראייניגט RUPCO׳ס ארבעט צוצושטעלן שטיצנדע האָוזינג פאר אונזער מערסט עמפינדליכע מיט אונזער קאפאציטעט צו טון סיי צוגעפאסטע ווידער-באניץ פון היסטארישע געביידעס און סיי בויען נייע אינאווירנדע געביידעס. ווידעראמאל נעמען מיר א קאמפוס געבויט איבער 150 יאר צוריק פאר ארעמעלייט און מאכן זיכער אז דער מערקפונקט קאמפוס וועט צושטעלן צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג ווייט אינעם 22׳סטן יארהונדערט!״

**עמילי טשען, פארוואלטונג דירעקטארין פון ׳נעשענעל עקוויטי פאָנד׳, האט געזאגט,** ״ביי ׳נעשענעל עקוויטי פאָנד׳ שטרעבן מיר צו ליפערן אינאווירנדע, צוזאמענגעארבעטע פינאנציעלע לייזונגס-מיטלען צו פארברייטערן דאס שאפן און אפהיטן צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג.  מיר זענען אינספירירט דורך אונזערע צוזאמארבעטער ביי RUPCO און זייער איבערגעגעבנקייט צו שטיצן עמפינדליכע טיילן פון דער באפעלקערונג און פארבעסערן קאמיוניטיס. ׳לענדמארק פלעיס׳ איז א המצאה׳דיגע און אייגנארטיגע דעוועלאפמענט וואס פלעכט צונויף היסטארישע אפהיטונג מיט נייע קאנסטרוקציע צו ליפערן געגנוי דאס וואס דער קאמיוניטי דארף האבן.״

**קיט ניסבעט, הויפט פון דער קאמיוניטי קאפיטאל גרופע ביי TD באנק האט געזאגט,** ״TD באנק שטאלצירט זיך צו האבן צוזאמענגעארבעט מיט RUPCO צוצושטעלן פאר עלטערע איינוואוינער אין דער קאמיוניטי א זיכערן ארט וואס זיי קענען רופן זייער היים. TD באנק זוכט געלעגנהייטן צוזאמצוארבעטן אויף צו אדרעסירן די שטייגנדע פראבלעם פון צוגענגליכע האָוזינג.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418